גליון כ״ג

נייעסן, באריכטן, אנטוויקלונגען און היסטאריע פון
**מוסדות יטב לב דרבינו יואל בארה״ק**
לצדקת רבי מאיר בעל הנס

# בקודש חזיתיך

ארויס געגעבן דורך הנהלת מוסדות יטב לב בארה״ב

שבת לפני ראש השנה • שנת תשע״א לפ״ק



# דעם רבינ'ס חשבון הנפש

באארבעט דורך: הכותב

ס'איז חודש אלול. דאָס לעצטע חודש פון תשע״א, און מען טרעיט שוין אריין אין דעם נייעם יאָר שנת תשע״ב. ס'איז צייט פאַר א ״חשבון הנפש״. זיך איבערצוטראַכטן און איבערצוקלערן ווי אַזוי דאָס יאָר איז פאַרלאָפן, און וואו מ'האַלט ערגעץ אויף דער וועלט.

כמובן איז בכלל נישט אונזער תפקיד און ציל מעורר צו זיין אַנדערע אויף א חשבון הנפש. ס'איז אָבער יאָ אונזער תפקיד און ציל צו מאַכן אַן אייגענעם חשבון הנפש, און ״דאָס״ פּראָבירן מיר צו טון אין די פאָלגענדע שורות, זיך אַליינס איבערצוקלערן וואו מיר האַלטן, און צו מיר האָבן מעגליך צו בעטן פון אַנדערע מחילה וכפרה.

א חשבון הנפש איז שייך צו מאַכן ווען דער א גאַנץ-יעריגער תפקיד איז קלאָר, מ'ווייסט וואָס מ'האָט צו טון, און לויט דעם זען אויב מ'האָט עס טאַקע אויסגעפירט כדבעי. אונזער גאַנץ-יעריגער תפקיד איז זייער קלאָר. אויף אונז ליגט דער פליכט, אַרויפגעלייגט אויף אונז דורך מרן רביה״ק זי״ע, ממשיך צו זיין במסורת אבות פון החזקת ״צדקת רבי מאיר בעל הנס״ צו שיקן רעגעלמעסיג קיין ארה״ק גרויסע סכומים געלט, דערמיט צו פאַרזיכערן בעזהשי״ת אַז די ארץ ישראל'דיגע מוסדות ״יטב לב״ קענען אָנגיין אָן קיין תמיכה ממקורות זרים.

האָבן מיר אויסגעפירט אונזער תפקיד?

דער ענטפער איז קעגנזייטיג. פון איין זייט איז פאַרלאָפן א יאָר ווען די תמיכה פאַר מוסדות יטב לב איז ב״ה געשטיגן פּי כמה. עס זענען צוגעקומען אַזויפיל שטיצער, אַזויפיל אידן וואָס יטב לב איז ביי זיי געווען אָדער געוואָרן דאָס הייליגסטע וואָס איז דאָ; אַזויפיל אידן וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָדער געהעכערט זייער אָנשליסונג אינעם מפעל ״החזקת מלמד״; אַזויפיל ״פּרחי העסקנים״ וואָס האָבן זיך פריש אָנגעשלאָסן אינעם מיליטער פון מוסדות יטב לב; אַזויפיל נייע ״פּושקעס״ זענען אַריינגענומען און שפּעטער אויסגעליידיגט געוואָרן פון אידישע הייזער; אזויפיל אידישע מאמעס גייען נישט צו צו א שמחה פאר מען גיט א שיינעם סכום פאר מוסודת יטב לב. ב״ה פאַר דעם.

פאָרט אָבער ווייטאָגט ביז גאָר דער מציאות וויפיל עגמת נפש און וויפיל באַצאָל-לאָזע חדשים עס איז אַריבער אויף די געטרייע כלי קודש פון אונזערע מוסדות אין ארה״ק. אין א צייט פון א חשבון הנפש איז א פּאַסענדע זאַך זיי מפייס צו זיין מיט א ריכטיגן קבלה על לעתיד. עס קומט א ניי יאָר, און וויפיל מיר האָבן זיך ביז היינט שוין אָנגעשטרענגט, וועלן מיר קומענדיג יאָר נאָך פיל מער זיך אנשטרענגן צו שיקן שטיצע פאַר די הייליגע מוסדות. זען צו שיקן מער באַצייטענס, און מער באדייטענדערע סכומים, וואָס זאָל אַרויסהעלפן אונזערע געטרייע ברידער, די אָרטיגע חברי הנהלה צו טראָגן דעם גרויסן עול.

יאָ ״דאָס״ דאַרף זיין אונזער חשבון הנפש אין אַזאַ גורל'דיגער זמן, ווי מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע האָט קלאָר געשריבן מיט 53 יאָר צוריק, חודש אלול שנת תשי״ח לפ״ק אינעם ״קריאת השנה״ וואָס דער רבי זי״ע האָט יערליך געשריבן צו די שרידים אשר ה' קורא עליהם, ברכים אשר לא כרעו לבעל אין ארה״ק. בין הדברים שרייבט דער רבי זי״ע דברים קילורין לעינים:

# דעם רבי'נס חשבון הנפש

א

**"ובבוא השנה החדשה בבוא כל ישראל ליראות את פני האדון ה' צבקות להתחנן ולבקש מלפניו חיים ושלום בעולם, יעשה נא כל אחד חשבון הנפש באיזה מדה נכונה הושיט ידו להחזקת חינוך הישן, יפשפש כל אחד ואחד במעשיו ויראה ויתבונן אם לא גרם ח"ו לחילול התורה על ידי אטמו אזנו משמוע זעקת בתי הת"ת והישיבות אשר עליהם העולם קיים וכו'.**

זייער קלאָרע ווערטער. יעדער דאַרף מאַכן א חשבון הנפש וויפיל מ'האָט איבערן יאָר געשטיצט ערליכע מוסדות אין ארץ ישראל, וואָס דער חשבון הנפש איז נאָך פיל מער אַקטועל ווען עס איז די רעדע פון מוסדות יטב לב. ווי מיר האָבן שוין אָנגעצייגט בעבר, אַז ווען דער בודזשעט פון מוסדות יטב לב איז מסודר מיינט דאָס אַז "אַלע" מוסדות על טהרת הקודש אין ארץ ישראל האָבן א רוקן-ביין אויף וואָס זיך אָנצולאַנען. די פראַגע וואָס דער רבי הייסט יעדן זיך פרעגן איז זייער צודרינגלעך, האָבן מיר זיי צוגעשטעלט דעם "עמוד התוך"?

אונזער קבלה דאַרף לכה"פ זיין דאָס. זיך מקבל זיין עס צוצושטעלן ביותר שאת ווי ביז היינט.

נאָך מער שרייבט דער רבי אינעם בריוו. "ווען מ'קומט בעטן פון השי"ת אויף חיים ושלום בעולם" דעמאָלט איז די צייט צו מאַכן א חשבון הנפש צו מ'האָט גענוג געשטיצט די ערליכע מוסדות. מיט'ן שטיצן די ערליכע מוסדות אין ארה"ק קען מען קומען בעטן "חיים ושלום בעולם" בזכות צדקת רבי מאיר בעל הנס. און אויף דעם האָבן מיר אַן אייגענאַרטיגן "חשבון הנפש". אמת, א גאַנץ יאָר האָבן מיר צושפרייט פילע "בדידי" מעשיות, ווי אַזוי אידן האָבן זוכה געווען צו כל מיני ישועות בזכות החזקת מוסדות יטב לב.

אָבער טאַקע דאָס ברענגט אונזער חשבון הנפש. אַזויפיל נאָך אידן זענען דאָ וואָס מאַכן לײדער מיט פאַרשידענע צער און עגמת נפש, זה בכה וזה בכה. זיי וואָלטן זיך געקענט אַרויסזען דערפון דורכ'ן זיך באַנוצן מיט "מוסדות יטב לב" אַלס סגולה. מעגליך אַז מיר האָבן דאָס נישט גענוג מודיע געווען, און דורכדעם לײדער גורם געווען אַז וויינעגער אידן זאָלן נענטער קומען צו זייער ישועה דורך מוסדות יטב לב? אויב יאָ, בעטן מיר פון זיי אַלע: זייט'זשע אונז מוחל דערויף, און אדרבה מיר בעטן יעדן יחיד, ווערט אַלײנס אַן עסקן. דערציילט אייערע חברים, בני משפחה און גוטע פריינד ווי ווירקזאַם די סגולה איז. זאָלן זיי אויך נהנה זיין דערפון.

* * *

ס'איז סוף יאָר, צייט צו מאַכן א חשבון הנפש. אמת אַסאַך פרישע עסקנים, ובפרט יונגע זענען דאָס יאָר צוגעקומען. אָבער לײדער נישט נאָר צוגעקומען זענען. פאַרלוירן האָבן מיר אויך און ס'איז צייט צו

ד

# לחן ולכבוד צב"י תפארה

יד כותבת, ברכה נלהבת, להעומד לנו ביד עוזרת, ובכשרון מבורכת, צב"י ורגיג וחמיד לעמוד לימינינו, ולהעשיר את גליונינו, במאמרים יפים ונעלים, מלאים זיו ונוגה מפיקים, משמח אלקים ואנשים

ה"ה הרה"ח **ר' צבי** (הערשל) **פריעדמאַן הי"ו**

לרגל שמחת אירוסי בנו היקר

**כמר משה נ"י**

מחשובי תלמידי ישיבותינו בק'

עב"ג הכלה תחי' בת הרה"ח איש חי ורב פעלים

**מוה"ר אליעזר ווייס הי"ו**

**מראשי קהילתינו, ומחשובי תומכי מוסדותינו הק'**

מרן די בשמיא בסעדו יהא, הזווג יעלה יפה מני' ובי', תענוג ונחת מכל יוצ"ח, עדי יקבצו קבציו, ואלקא דמאיר יענהו, שלטובה יגמריהו ויחתימיהו

**כברכת הנהלת מוסדות יטב לב באה"ב**

כ״ג

רייכער אפהאנדלונג איבער

**״מעות ארץ ישראל״ לצדקת**

# רבי מאיר בעל הנס



## ״דער גא-ט פון אברהם וואָס וואוינט אין טבריה, זאָל דיר העלפן״

צו פאַרשטיין און באַגרייפן וואָס פאַר אַ גרויסן כח, די צדקה פון צדקת רבי מאיר בעל הנס, לעייני ארץ ישראל, האָט. איז כדי צו פאַרציילן דעם פאָלגנדן עפיזאָד, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן אין די ספרים פון יענער צייט.

אין אַ פריערדיגן אַרטיקל האָבן מיר דערציילט פון הרה״ק רבי גרשון קיטוב׳ער זי״ע, אַ שוואָגער פון בעל שם טוב הקדוש זי״ע, וועלכער איז אַרויף געקומען קיין ארץ ישראל וואוינען, און האָט זיך דאָרט איינגעגלידערט אין די ספרדישע קהלה, וועלכע איז אין יענע צייט געווען פיל גרעסער און געהאַט מער כוח, ווי די אשכנזישע קהלה, וועלכע איז געווען קליין אין צאָל, און האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויסע השפעה, ווייל די טערקישע הערשאַפט וואָס האָט געהאַט ארץ ישראל אין אירע הענט, האָט ענדערש גורס געווען די ספרדישע אידן, ווי די אשכנזישע.

צוויי פון רבי גרשון׳ס קינדער, זענען געוואָרן איידימער ביי ספרדישע גדולים וואָס האָבן געלעבט אין ארץ ישראל. אָבער זיין אייניקל, הרה״ק רבי חיים שלמה, האָט זיך צוריק איינגעגלידערט אין די אשכנזישע קהלה, און איז נתקרב געווארן צו הרה״ק רבי אברהם קאַליסקער זי״ע, ווען ער האט אים געשיקט אויף א שליחות קודש צו זיין א שד״ר לטובת אונזערע ברודער אין עיר הקודש טבריה.

פאר ער איז ארויסגעפארן פון ארץ ישראל, האט ער געבעטן ביים קאליסקער זי״ע ער זאל אים געבן עפעס א שמירה אויפן וועג. האט אים דער קאליסקער געזאגט: ״ווען די וועסט זיין אין א צרה זאלסטו זאגן ״אלוקא דאברהם דיתיב בטבריה ענני״. דאס הייסט: ״דער גאט פון אברהם וואס זיצט אין טבריה זאל מיר העלפן״.

ווען רבי חיים שלמה איז אנגעקומען קיין איטאליע אין א שווערע צייט, ווען ס׳דארט געווען א שווערע טריקניש. ס׳האט שוין נישט געהאט גערעגנט א לאנגע צייט. זענען די מענטשן פון שטאט געקומען צו אים ער זאל זיי געבן א עצה וואס צוטאן.

רבי חיים שלמה האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, און געזאגט די ווערטער וואס דער קאליסקער האט אים געהייסן זאגן. און וואונדער איבער וואונדער, עטליכע מינוט נאכדעם האט זיך דער הימל פארוואלקנט און ס׳האט גענומען גיין א רעגן.

די בני העיר האבן זיך זייער געוואונדערט ווי אזוי דער נס האט פאסירט אזוי שנעל, און האבן געפרעגט דעם גאסט, וואס פארא תפילה ער האט געזאגט. האט ער זיי געענטפערט: איך האָב געזאָגט די ווערטער: ״אלוקא דאברהם דיתיב בטבריה ענני״, און איר זענט געהאָלפן געוואָרן אין זכות פון דעם צדיק רבי אברהם קאליסקער וואָס וואוינט אין די שטאָט טבריה, און איז דער גבאי צדקה פון צדקת רבי מאיר בעל הנס, און שפייזט הונדעטער משפחות וואָס לעבן בקדושה ובטהרה אין ארץ ישראל.

•••• א ווארט פון

# אונזערע רבי׳ס

••••

**זיקוקין דנורא, קורצע און בליציגע ווערטער פון רבוה״ק**

איבערן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הק׳

### מען קען מהנה זיין דעם רבין זכרונו לברכה

איז אזוי, מען איז זיך דא צוזאמען געקומען וועגן די מוסדות יטב לב אין ארץ ישראל, אונז געדענק מיר ווי אזוי ס׳האט אויסגעזען ביי די מסיבות, צו ס׳איז געווען ביי די מסיבה פאר די ישיבה אין ארץ ישראל, צו די מסיבה פאר אונזער ישיבה אין וויליאמסבורג, ער איז דאך נישט געווען קיין אוהב ממון דאס ווייסט יעדער איינער, דאס גאנצע געלט וואס ער האט געהאט האט ער אוועקגעגעבן, ער האט עס נישט געזוכט פאר זיך, און מען האט געזען אז ווען מען האט אויסגערופן, דער איד גיט טויזענט דאלער דער איד גיט פינף הונדערט דאלער, האט דאס אים ממש מחיה געווען, ווער ס׳געדענקט דאס ווי ס׳האט אויסגעזען יעדע מאל ווען ער איז געזעסן ביי א מסיבה, און מען האט אויסגערופן דער איד גיט, און ער האט געזען א איד וואס איז נישט אזוי ביכולת, און ער רופט אויס א גרעסערע נתינה, האט מען געזען אז ממש די פנים האט אים געשטראלט, ער האט הנאה געהאט.

ער איז דארט געזעסן, אפילו ס׳איז שוין געווען די לעצטע יארן ווען ער איז קראנק געווען ס׳איז אים געווען א טירחא, איז ער געזעסן ווען מען האט אויסגערופן, ווייל ער האט געוואלט הערן ווי מען רופט אויס, ס׳איז אים שטארק נוגע געווען ווי מען רופט אויס און ווער ס׳גיט, ווער ס׳האט געגעבן מער, און אז ער האט געזען אז עמיצער האט זיך אנגעשטרענגט, האט דאס אים ממש מחיה געווען.

און באמת האט מען געקענט האבן דעם ולדבקה בו, מען זאל דבוק זיין אין א צדיק אמת, און דבוק צו זיין אין הקב״ה, און דורכדעם איז מען ניצול געווארן מכל צרה וצוקה, דורך דביקות אין א צדיק.

היינט איז עס נישט קיין מציאות, מ׳האב מיר נישט מער די מעגליכקייט, דער פעטער ז״ל איז שוין נישטא מער אויף דעם עולם, און דורכדעם וואס מען ברענגט אריין א הונדערטער, צו פינף הונדערט דאלער, צו טויזענט דאלער, מען זאל אים קענען מחיה זיין, מיר זען דאס נישט היינט, ער איז דאך נישטא, איז נישט פארהאנען די דביקות, די הנאה האט מען אונז צוגענומען, אבער אונז זעמיר מאמין באמונה שלימה אז דער פעטער איז דא, און ער אינטערעסירט זיך אויפן עולם האמת אין די אלע מוסדות, א סימן, ווייל אז נישט איז נישט קיין מציאות, ווי אזוי די מוסדות האלטן זיך.

**(רבינו הברך משה זי״ע, יום ה׳ נשא שנת תשמ״ה במסיבה להחזקת מוסדות יטב לב בקרית יואל)**

*

### די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג

די צירוף פון חודש אלול איז, וצדק׳ה תהי׳ה לנ׳ו כ׳י נשמור לעשות, די העכסטע מדריגה פון צדקה, איז החזקת המוסדות. וצדקה תהיה לנו כי נשמור לעשות, צו קענען אנגיין ווייטער מיט די מוסדות, מ׳זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די תלמוד תורה, די ישיבה קטנה, מ׳זאל קענען צאלן געהאלט פאר די מלמדים עוסקים במלאכת הקודש, מלאכת ה׳ באמונה.

אוודאי איז א גרויסע ענין מ׳קומט זיך צוזאם יעצט אין חודש אלול פאר די הייליגע טעג, דאס איז די ריכטיגע הכנה, וצדקה תהיה לנו כי נשמור לעשות. ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה, ס׳איז די העכסטע מדריגה אין צדקה, תלמוד תורה דרבים, אידישע קינדער לערנען על טהרת הקודש, בעיר הקודש. ירושלים איז מקודש בעשר קדושות, ירושלים עיה״ק, תלמוד תורה אין ארץ ישראל, בפרט אין ירושלים.

**(רבינו שליט״א, יום א׳ תצא תשע״א ע״י הוק-אפ במסיבה בעיה״ק ירושלים לטובת המוסדות)**





# ראשית ממלכתו

## עפיזאדן, שטריכן, היסטארישע געשעענישן, ארום דעם התייסדות פון מוסדות יטב לב דסאטמאר

**פאָרוואָרט:** האַלטן מיר אינמיטן שרייבן איבערן התייסדות פונעם ערשטן יסוד וואָס דער רבי זי״ע האָט אַראָפּגעלייגט אין ירושלים עיה״ק, דער ביהמ״ד אוהל רחל, אויף וועלכן דער רבי זי״ע האָט שפּעטער אויפגעבויט זיינע הייליגע מוסדות ״יטב לב בארה״ק״ וואָס איז מתנוסס לתפארה ביז צום היינטיגן טאָג. ווי געברענגט איז דער ביהמ״ד ענדגילטיג נתייסד געוואָרן ביום ג׳ שמות תרצ״ה, נאָך לאַנג-פאַרצויגענע סכסוכים וואָס האָט זיך פאַר דעם געהאַט געשאַפן.

אין די פריערדיגע גליונות האָבן מיר שוין געברענגט, אַז ערשט מיט היבש חדשים שפּעטער, תמוז תרצ״ה איז געקומען דעם רבי׳נס ענטפער מיט א ברכת מזל טוב צום התייסדות הביהמ״ד, און לכבוד אָנקום פון רבי׳נס בריוו איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן א ספּעציעלע אסיפה ביי וועלכן מ׳האָט פאָרגעליינט דעם רבי׳נס מכתב קודש.

איבער דעם איז אינטרעסאַנט וואָס מ׳טרעפט אין איינס פון די פּראָטאָקאָלן, אַז ביי אַן אסיפת אקרו״ט וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן האָט מען דן געווען אויף אַ מערקווערדיגן ענין. די חברי הנהלה און די מתפּללים זענען געווען באַזאָרגטן, היות מ׳האָט שוין עטליכע מאָל געשיקט בריוון צום רבי׳ן זי״ע קיין סאַטמאַר, אָבער דערווייל האָט דער רבי נאָכנישט געהאַט געענטפערט אויף די בריוו, האָבן עטליכע מתפּללים גע׳טענה׳ט אַז מען דאַרף פאַרשליסן דעם ביהמ״ד, נאָכדעם וואָס דאָס אַז דער רבי ענטפערט נישט, צייגט אַז דער רבי איז שוין נישט אינטערעסירט אין די ירושלים׳ער קהלה. אַזוי ווייט איז געווען דאָס דביקות פון די ירושלים׳ער חסידים צום רבי׳ן, אַז דאָס נישט באַקומען קיין בריוון פון רבי׳ן איז שוין אויסגעטייטשט געוואָרן ווי א געברויך גענצליך אָפּצושליסן דעם ביהמ״ד.

למעשה האָט מען זיך דאַן געוואָנדן צום רבי׳ן זי״ע מיט א בקשה אַז דער רבי זאָל אויף אַן אופן משיב זיין א מכתב קודש, און ווי עס זעט אויס איז געקומען עפּעס אַן אַנטוואָרט, וואָס אַזוי איז דער ביהמ״ד ווייטער געבליבן אָפּען.

### געקומען צו סליחות

מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער אומקערן איבער דעם השתלשלות הענינים פונעם התייסדות הביהמ״ד און ווי עס איז נאָך א קורצע צייט נאָך איר גרינדונג שוין פאַרברייטערט געוואָרן פּי כמה. אָבער שטייענדיג אַצינד האַרט פאַר די ימי הסליחות איז כדאי צו ברענגען א מערקווערדיגער עפּיזאט וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם ביהמ״ד.

דער נאָמען ר׳ יחיאל קליין ז״ל איז אונז שוין באַקאַנט פון די פריערדיגע אַרטיקלען. ער איז געווען פון די מייסדים פונעם ביהמ״ד, און ווי שוין געברענגט איז דער ביהמ״ד אָפיציעל געעפענט געוואָרן אינעם טאָג וואָס זיין זון הרה״ח ר׳ ברוך ז״ל איז בר מצוה געוואָרן, ביום ח׳ אלול תרצ״ד. ר׳ ברוך איז שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס שמש פונעם ביהמ״ד, אַן עבודת הקודש וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן מיט גרויס הצלחה במשך כל ימי חייו ביז צו זיין פּטירה מיט עטליכע יאָר צוריק.

האָט ר׳ ברוך ז״ל דערציילט אַז אין איינע פון די שפּעטערדיגע יאָרן, ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין פעסט געאַרבעט צו באַקומען הערשאַפט אויף ארה״ק, האָט זיך אַמאָל געמאַכט א געלעגנהייט וואָס עס האָט אויסגעקוקט אַז מ׳וועט נישט קענען זאָגן קיין סליחות, און נאָר מיט גרויס סייעתא דשמיא איז ב״ה געלונגען אַז דער ביהמ״ד אוהל רחל איז געווען כמעט די איינציגסטע ביהמ״ד וואו מ׳האָט פאַרטאָגס געזאָגט סליחות ווי געהעריג.

געווען איז דאָס אין די תקופה ווען עס איז אָנגעגאַנגען די שווערע טעראָר וואָס די ציוניסטישע טרויעריג-באַרימטע אָרגאַניזאַציעס אצ״ל און לח״י האָבן אָנגעפירט קעגן דעם ענגלישן מאַנדאַט-רעגירונג, וועלכע האָבן דאַן געהערשט אויף ארץ ישראל. אין יענע תקופה האָט זיך אַסאַך מאָל געמאַכט, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט אויף די נאַכט-שטונדן אויסגערופן א ״קוירפּי״ (עוצר) אַז קיינער טאָר זיך נישט דרייען אויף די גאַסן ביינאַכט, כדי אַזוי אַרום צו פאַרמיידן אַז די ווילדע כוליגאַנעס זאָלן נישט קענען אויסנוצן די נאַכט-טונקעלקייט אָנצוזייען טעראָר ר״ל. אויב האָט מען דאַן איינעם געכאַפּט זיך דרייען ביינאַכט אויף די גאַס, האָט מען איך גלייך איינגעשפּאַרט אין תפיסה.

האָט זיך געמאַכט אין איינע פון די יאָרן, אַז אינמיטן די סליחות טעג, האָבן די רעגירונג אויסגערופן א קוירפּיו, אַז קיינער טאָר זיך נישט דרייען אויף די גאַסן. כמובן האָט דאָס געשאַפן גרויס עגמת נפש פאַר חרד׳ישע אידן, וועלכע האָבן געוואָלט ווי יעדן טאָג קומען צו סליחות אין ביהמ״ד אַריין.

ר׳ יחיאל קליין ז״ל איז דאַן אַריבער צו די קאָנצעליי פון די ענגלישע רעגירונג, און נאָך פילע השתדלות איז אים געלונגען צו באַקומען 51 פּערמיטן פאַר אַלע מתפּללים פונעם ביהמ״ד אוהל רחל, סיי פאַר די מענער און סיי פאַר די פרויען, אַז זיי זאָלן מעגן זיך דרייען אויף די גאַס פאַרטאָגס, און קומען אין ביהמ״ד אַריין צו סליחות.

אַזוי איז דער ביהמ״ד אוהל רחל געווען פון די איינציגסטע בתי מדרשים וואו מ׳האָט ווייטער געזאָגט סליחות אָן קיין אָפּשטעל.

### אַליינס געמאַכט דעם שילד

אַז מ׳רעדט פון ר׳ יחיאל קליין ז״ל און זיין זון ר׳ ברוך ז״ל איז כדאי צו דערמאַנען זייער מסירות נאמנה פאַר דעם ביהמ״ד. ר׳ יחיאל קליין ז״ל האָט כסדר געדינט אַלס גבאי אָדער אַנדערער פּאָזיציע אינעם ביהמ״ד. אָבער פיל מער פון דעם האָט ער אַסאַך געאַרבעט מסדר צו זיין דעם ביהמ״ד על צד היותר טוב. זייענדיג מתחלה אָן אַ קליינע אָרימע קהלה, האָט ר׳ יחיאל ז״ל זיך אַוועקגעגעבן בגוף ובנפש מסדר צו זיין פאַרשידענע ענינים אויף אַן אופן אַז עס זאָל וואָס ווייניגער קאָסטן פאַר די קהלה׳ס קאַסע.

אפילו דעם שילד אויפ׳ן ביהמ״ד ר׳ יחיאל ז״ל אַליינס געמאַכט. ער האָט גענומען העלצער. ער האָט דאָס שיין אויסגעשניטן, און אויף דעם האָט ער אויסגעמאלן מיט שיינע גרויסע ווערטער: ״בית המדרש אהל רחל דחסידי סאַטמאַר - בנשיאות מרן רבינו יואל טייטלבוים שליט״א מסאַטמאַר״.

ווי דערמאַנט איז זיין זון ר׳ ברוך ז״ל נאָך דאַן געווען א יונגער בחור, און איז אגב, געווען כמעט דער איינציגסטער בחור אינעם ביהמ״ד. עס איז געווען בלויז נאָך איין בחור, מוה״ר משה וואַלדמאַן ז״ל. דער גאַנצער ביהמ״ד איז בעיקר באַשטאַנען פון עלטערע און מיטליעריגע אידן, מערסטנטייל דערפון באַרימטע תלמידי חכמים און עובדים (איבער וועמען מיר שרייבן אַצינד אינעם מדור ״זכר חסידים לברכה״). רוב פון די מתפללים זענען געווען א טפח העכער די גשמיות׳דיגע וועלט, אַזוי אַז עס איז כמעט נישט געווען ווער עס זאָל אינזינען האָבן די פאַרשידענע געברויכן וואָס האָט זיך אויסגעפעלט פאַר׳ן ביהמ״ד.

ר׳ ברוך קליין ז״ל, זייענדיג שוין דאַן אַן ענערגישער פלייסיגער בחור, האָט זיך צוגעשטעלט לימין אביו ר׳ יחיאל ז״ל, און אַזוי האָבן זיי פיל עוסק געווען אַהערצושטעלן די צרכי הביהמ״ד. אין די ערשטע יאָרן איז דער ביהמ״ד באַלויכטן געוואָרן מיט איינפאַכע ״נאַפט לאָמפּן״. אין די לאָמפּן האָט מען אַריינגעלייגט נאַפט, און דערין א קנויט וואָס דאָס האָט ליכטיג געמאַכט דעם ביהמ״ד. עס האָט אָבער געהאַט א חסרון, אַז עס האָט איבערגעלאָזט א שטאַרקן גערוך וואָס איז געווען שטאַרק אומבא׳טעמ׳ט.

ר׳ ברוך ז״ל האָט זיך דאַן אַריינגעלייגט אַהערצושטעלן שיינע ״לוקסן״ פאַר׳ן ביהמ״ד. די לוקסן זענען אַזעלכע סאָרט טשענדעלירן וואָס פאַרמאָגט אַסאַך קליינע לוקסן. מ׳העגנט דאָס אויף אויפ׳ן דאַך, צי ערגעץ-אַנדערש-וואו. דאָס אַרבעט אויך מיט נאַפט, אָבער עס איז פיל בא׳טעמ׳טער און צוגענגליכער. איז ער דאַן געוואויר געוואָרן אַז אין ווייטערע געגענט, באַקאַנט אַלס די ״דיסקין״ געגענט, נישט ווייט פונעם ״בית היתומים דיסקין״ נעבן די מאנטיפיורי געגענט אין ירושלים, איז פאַרהאַן א גרויסער מאַגאַזין מיט לוקסן וואָס מ׳קען דאָס דאָרט קויפן פאַר ביליג.

ר׳ ברוך ז״ל איז גלייך געגאַנגען צופיס דעם גאַנצן וועג. ער האָט דאָרט איינגעקויפט עטליכע לוקסן, וואָס ער האָט דערנאָך אַריינגעבויט אינעם ביהמ״ד. דער ביהמ״ד האָט באַקומען א נייע ליכטיגע צורה, באַקוועם און פאַסענד פאַר די חשוב׳ע מתפללים. די לקוסן איז געווען גוט אויף אין אַלגעמיין. שבועות ביינאַכט ווען מ׳לערנט א גאַנצע נאַכט אין ביהמ״ד האָבן די לוקסן זיך שוין אויסגעברענט אינמיטן די נאַכט, און מ׳האָט יעדן צוגעגעבן א ליכטל, מיט וואָס צו פארשיינען. יעדער האָט אין איין האַנט געהאַלטן א ליכטל און אין די צווייטע האַנט דעם תיקון לליל שבועות, און אַזוי האָט מען דאָס געזאָגט במשך די נאַכט.

אויך האָט ר׳ ברוך ז״ל געשאַפן פאַר׳ן ביהמ״ד פאַרשידענע ספרים מיט וואָס די מתפללים האָבן זיך מחי׳ געווען. קיין געלט צו קויפן ספרים איז דאָך אוודאי נישט געווען, און זייענדיג א נייער מקום תורה ותפלה האָט אין די ערשטע צייטן געהערשט א שטאַרקער מאַנגל אין ספרי קודש. ר׳ ברוך ז״ל האָט זיך דעריבער געוואָנדן דירעקט צו מחברי ספרים ומוצאים לאור, וועלכע האָבן מנדב געווען ספרים, און אַזוי איז דער אוצר הספרים ביסלעכווייז אנגעפילט געוואָרן מיט נייע ספרים מכל המינים.

פאָרזעצונג קומט אי״ה.

# זכר חסידים לברכה

## הרב החסיד ר׳ משה יאַקאָב ז״ל
## הנקרא ״ר׳ משה באטורער״

צווישן די נקיי הדעת שבירושלים עיה״ק וועלכער האָט געהאַט א גרויסן טייל אינעם התייסדות פון רבי׳ן זי״ע׳ס ערשטע פעולה אין ירושלים, דער ביהמ״ד אוהל רחל, ציילט זיך אויך דער חשוב׳ער איש מורם מעם הרב החסיד צדיק תמים מוה״ר משה יאַקאָב ז״ל, באַקאַנט אַלס ״רבי משה באטורער״. (ר׳ משה ז״ל איז געווען דער פאָטער פון יבלחט״א הרה״ח הותיק ר׳ נחמן יאַקאָב שליט״א מראשי עדת קהלתינו אין ירושלים עיה״ק, און דער שווער פון כ״ק אדמו״ר מקאַרלסבורג שליט״א.)

ר׳ משה ז״ל איז געבוירן געוואָרן בשנת תרס״ח אין די שטאָט ניר-באטור, צו זיין פאָטער הרה״ח ר׳ חיים יאַקאָב ז״ל, וואָס די גאַנצע משפחה אַרויף זענען געווען געהויבענע חסידים לבית סיגוט-סאַטמאַר. ר׳ חיים ז״ל האָט קודם געוואוינט אין סאַטמאַר, און שפּעטער האָט ער זיך געצויגן קיין ניר-באטור.

וואוינענדיג נאָך אין סאַטמאַר איז ר׳ חיים ז״ל שוין שטאַרק נתקרב געוואָרן צו מרן רביה״ק מסאַטמאַר זי״ע, א קשר וואָס האַלט נאָך אָן ביז צום היינטיגן טאָג ביי בניו ובני משפחתו החשובה. טראָץ וואָס דער רבי זי״ע איז נאָך דאַן געווען גאָר א יונגערמאַן, האָט ר׳ חיים ז״ל זיך געוואָנדן צום רבי׳ן נאָך ברכות און עצות, און דעם רבי׳נס א ווארט איז ביי אים געווען קודש קדשים.

אין די יאָרן פון די ערשטע וועלט קריג, האָט מען ר׳ חיימ׳ן אַריינגערופן צום מיליטער. איז ר׳ חיים ז״ל געגאַנגען זיך מזכיר זיין רבי׳ן זי״ע און ער האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר זיין עתיד. האָט דער רבי זיך אָנגערופן צו אים ״דו האָסט מורא? ביזט דאָך א היימיש קינד!״. דער רבי האָט אים דאַן געהייסן אַז ער זאָל נעמען די שריפטן פון א געוויסן איד וואָס האָט זיך דאַן געהאַט געצויגן קיין אַמעריקע, און ער זאָל מיט דעם פאָרשטיין, וואָס אַזוי וועט ער זיין פיל עלטער, און מ׳וועט אים באַפרייען פון מיליטער.

טראָץ וואָס ר׳ חיים האָט גענצליך נישט אויסגעקוקט ווי יענעם איד, האָט ער מיט זיין אמונת צדיקים געפאָלגט דעם רבי׳ן, און מיט יענע שריפטן איז ער געגאַנגען זיך שטעלן צום מיליטער אויף אַן אַנדער אָרט, און אַזוי האָט מען אים באַפרייט.

דעם רבי׳נס א ווארט איז ביי אים געווען הייליג, און אַז דער רבי האָט אים געזאָגט ״דו האָסט מורא?״ האָט ער זינט דאַן מער קיינמאָל נישט מורא געהאַט פון די רשעים! ער איז געווען אַזוי זיכער אינעם רבי׳נס א ווארט, אַז עס איז ביי אים געווען א דבר פשוט אַז ער דאַרף פאַר זיי נישט מורא האָבן. איינמאָל ווען א געוויסער באַאַמטער וואָס האָט אים געקענט, איז אים געקומען אונטערזוכן פאַרוואָס ער גייט נישט אין מיליטער, האָט ר׳ חיים ז״ל אים געצייגט זיינע (פאַלשע) שריפטן. יענער האָט גלייך אָנגעהויבן אפצו׳חוזק׳ן פון אים און ער פרעגט אים מיט שפּאַס ״פאַר וויפיל פענגא האָסטו דיר געמאַכט די שריפטן, פאַר פינף פענגא?״ האָט ר׳ חיים אים גלייך צוריקגעענפערט מיט שפּאַס ״וואָס עפּעס פאַר פינף? פאַר צען פענגא״. דאָס זעלבע ווען דער באַאַמטער האָט אים געפרעגט אויף אַן אַנדערע צעטל פון די שריפטן, וויפיל געלט עס האָט אים געקאָסט צו באַקומען שווארצערהייט, האָט ר׳ חיים צוריקגעענטפערט מיט שפּאַס אַז עס האָט אים געקאָסט כך וכך.

אַזוי האָט ער זיך נישט דערשראָקן קיין כי הוא זה. דער באַאַמטער האָט אים געשלעפּט צום הויפּט גענעראַל, וועלענדיג צייגן זיינע פאַלשע שריפטן, אָבער צו יעדנס וואונדער האָט דער הויפּט-גענעראַל זיך אָנגערופן צום באַאַמטער ״וואָס מאַכסטו זיך משוגע, לאָז אים גיין און פאַרטיג״ ויהי לפלא.

ביי א צווייטע געלעגנהייט האָט ר׳ חיימ׳ס אמונה אין רבי׳נס ווערטער געראַטעוועט אַסאַך אַנדערע אידן. אינמיטן די ערשטע וועלט קריג זענען פילע אידן געווען ״טמיר ונעלם״ ביים רבי׳ן זי״ע אין ביהמ״ד. איינמאָל אינמיטן א יום טוב, האָבן זיך אנגערוקט א מחנה סאָלדאַטן וועלכע האָבן דאָרט געוואָלט דורכפירן א רעוויזיע, צו כאַפּן די וואָס דרייען זיך דאָרט אומלעגאַל. למעשה אָבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין ערלויבעניש אַריינצוקומען אין ביהמ״ד, און זיי האָבן געוואַרט אינדרויסן ביז מ׳עענדיגט דאַווענען, כדי צו כאַפּן די וואָס באַהאַלטן זיך אויס. פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן גוט אַרומגענומען דעם ביהמ״ד פון אַלע זייטן, כדי צו כאַפּן אויב איינער אַנטלויפט.

ר׳ חיים יאַקאָב האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבן. גלייך נאָכן דאַווענען איז ער אַרויס צו די אָפיצירן, און האָט זיי געוויזן זיינע שריפטן. פאַר זיך אַליינס האָט ער נישט קיין טראָפּ מורא געהאַט, ווייל דער רבי האָט דאָך אים קלאָר געזאָגט ״דו האָסט מורא?״ אַזוי זענען די חברה פאַרנומען געוואָרן צו באַקוקן זיינע שריפטן, און זיך טענה׳ן מיט אים צו ס׳איז יאָ אָדער נישט אמת׳ע... און אַזוי זייענדיג פאַרנומען האָט דער איבעריגער ציבור געקענט זיך אַרויסשלייכן פון ביהמ״ד, און יעדער איז ניצל געוואָרן.

אינטערעסאנטע שטריכן פון ר׳ משה יאַקאָב ז״ל בכלל, ובפרט זיין קשר צום רבי׳ן זי״ע און צום ביהמ״ד אוהל רחל, וועט נאָכפאָלגן אי״ה.

תיקון טעות: עטליכע האָבן אונז אויפגעמערקט, אַז די מעשה וואָס מיר האָבן געברענגט פאַרגאַנגענעם חודש אינעם אַרטיקל איבער החסיד ר׳ רפאל פריינד ז״ל, וואָס ער האָט געזען בעת מ׳האָט מקבר געווען הגה״ק רבי משה יוסף טייטלבוים זצ״ל אבד״ק אוהעל, איז נישט ריכטיג, וטעות לעולם חוזר.

# כסוף ירושלים

נייעסן און אנטוויקלונגען פון אונזער ירושלים'ער מוסדות

## הצלחה'דיגער דינער אין ירושלים

מיט גרויס הצלחה איז געפּראַוועט געוואָרן אין ירושלים עיה"ק דער יערליכער דינער לטובת די אָרטיגע מוסדות, וועלכע איז געפּראַוועט געוואָרן צוזאַמען מיט די סעודת הילולא פון מרן הגה"ק רבינו בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע, אינעם עטרת שלום זאָל. מיט די צענטראַלע דרשה האָט אויפגעטרעטן הגה"צ חו"פ דומ"ץ דקהלתינו הק' שליט"א, דער "נואם הכבוד" איז געווען הגה"צ פה מפיק מרגליות כ"ק אדמו"ר מטעמעשוואַר שליט"א פון בני ברק, און דער "דבר המוסדות" איז געהערט געוואָרן פונעם ענערגישער מנהל המוסדות הרב ישכר יאַקאָב הי"ו. דער הויכפּונקט פונעם מעמד איז געווען די גרויסע זכי' וואָס מ'האָט דורך א טעלפאנישן פאַרבינדונג געהערט "דברות קודש" פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א. א חרדת הקודש האָט געהערשט אין די אַטמאָספערע "וקול דממה דקה ישמע" האָט מען מיט א טאפענדע שטילקייט געהערט דעם קול ה' בכח וואָס רבינו שליט"א האָט משמיע געווען, אַרויסברענגענדיג דעם קורת רוח וואָס ער האָט אַז אנ"ש אין ירושלים נעמען זיך צוזאַם אַרויסצוהעלפן די אייגענע הייליגע מוסדות, ובתוך הדברים האָט דער רבי שליט"א אַרויסגעברענגט אַז די העכסטע מדריגה אין צדקה איז, צו שטיצן תלמוד תורה דרבים על טהרת הקודש אין ירושלים עיה"ק וועלכע איז נתקדש געווארן בעשר קדושות. רבינו שליט"א האָט דערנאָך אנגעוואונטשן פארן ציבור ברכות לרוב לקראת השנה החדשה.

דער מעמד האָט ב"ה שטאַרק מצליח געווען, ווען פילע אנ"ש האָבן טראָץ דעם שווערן מצב הגשמי זיך אָנגעשטרענגט מנדב צו זיין שיינע סכומים, און זיך אָנצושליסן אינעם זכות "החזקת מלמד לחודש" ווען מ'האָט אויפ'ן פלאַץ מיטגעברענגט באַדייטענדע סכומים וואָס האָט ערמעגליכט ב"ה אַז שוין צומאָרגענס נאָכ'ן דינער זאָל מען קענען פאַרטיילן דאָס גאַנצע געהאַלט וואָס מען איז שוין עט ליכע חדשים שולדיג געווען פאַר די כלי קודש.

### רבי מאיר בעל הנס גבאים באַעהרט

פון די שיינע מאָמענטן ביים דינער לטובת המוסדות איז געווען דאָס באַעהרן די "גבאי קודש" פון צדקת רבי מאיר בעל הנס לטובת מוסדותינו הק'. וואָס ווירקליך, זענען אַלע אנ"ש אין ירושלים זעלבסט, גבאי קודש נאָכדעם וואָס אויף דער איניציאַטיוו פון די הנהלת המוסדות, האָט יעדער איינער ביי זיך אין קעשענע א "רבי מאיר בעל הנס בייטל" פון אונזערע מוסדות, און מען שטיצט דאָס כסדר מיט סיי וועלכן סכום. פּרוטה פּרוטה מצטרפת, און במשך די אַנדערהאַלבן יאָר וואָס דער קאַמפּיין גייט שוין אָן, האָבן די זעקלעך שוין אַריינגעברענגט דעם פאַנטאַסטישן סכום פון 68,000 שקל. אָבער בונסף לזה זענען דאָ די געטרייע "גבאי קודש" וואָס גייען אויך אַרום מיט די זעקלעך ביי אַלע מנינים, און צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן גרויסע סכומים. אַצינד ביים כינוס אנ"ש, זענען די גבאי קודש באַעהרט געוואָרן דורך הגה"צ הדומ"ץ שליט"א, וועלכער האָט יעדן פּערזענליך איבערגעגעבן דעם פלעק, אין וועלכן עס איז אויך געווען אַרייַנגעלייגט א "בלעטל" שיירי הושעגות פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א לשמירה והצלחה.

### הערליכער חומש סעודה געפּראַוועט

די שמחה פון די עלטערן, הורי תלמידי כתה א' פון מוסדותינו הק' איז געווען איבער אַלע ברעגעס, ווען מ'האָט זיך פאַרזאַמעלט צום פייערליכער "חומש סעודה" וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן ברוב עם הדרת מלך, מיט דאָס השתתפות פון די טאַטעס און זיידעס, ובראשם הגה"צ חו"פ דומ"ץ דקהלתינו הק' שליט"א. דער מעמד איז אָנגעפירט געוואָרן בטוב טעם ודעת דורכ'ן כתה א' מלמד הר"ר מנחם הלל פּאָלאַטשעק הי"ו. די טייערע קינדער האָבן פאָרגעזאָגט די פּסוקים פון "ויקרא" און דערנאָך געזונגען הערליכע האַרציגע נגינה, בתפלה אויף הצלחה בתורה ויר"ש. עקסטער האָט א קאַפּעליע מנגנים מאנ"ש מהנה געווען די משתתפים. הגה"צ הדומ"ץ שליט"א האָט משמיע געווען פּאַסיגע דברי ברכה פאַר די קינדער, און דברי הדרכה פאַר די עלטערן, איבער דעם זהירות וואָס מען דאַרף האָבן פון די פאַרשידענע כלי משחית אויף וואָס רבינו שליט"א איז כסדר מתריע. בשם די עלטערן האָט אויפגעטרעטן הרה"ג רבי נפתלי צבי בראָדי שליט"א מרביץ תורה במוסדותינו הק' אין בני ברק. נאָכ'ן מעמד האָבן די עלטערן געטאַנצן מיט די קינדער אויף די אַקסלען, און דער דיין שליט"א האָט געטיילט פאַר די קינדער מתנות און ממתקים.

# עמוד התווך

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאַנד למען קיום המוסדות

## א' דסליחות: וויליאַמסבורגער ייטב לב פּאַרטי

מאַסן נשים צדקניות אין וויליאַמסבורג וועלן קומענדיגן זונטאָג, א' דסליחות איבערן טאָג זיך איינקויפן זכותים צום יום הדין, דורכ'ן שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות "ייטב לב באַרה"ק" ביי די יערליכע פּאַרטי וואָס וועט דאָס יאָר פאָרקומען אין שטוב פון די חשוב'ע מרת גאָלדשטיין תחי' אשת הרבני הנגיד ר' משה דוד הי"ו מראשי קהלתינו הק' אויף 202 ראָסס סט.

א שטאַב מיט עסקניות פונעם "פרויען פאראיין" לטובת מוסדותינו, זענען שטאַרק טעטיג צוזאַמען מיט די חשוב'ע מרת גאָלדשטיין תחי' און אירע חשוב'ע טעכטער און שנור'ן תחיו צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת די הצלחה פון די פּאַרטי.

די היי-יעריגע פּאַרטי איז געווידמעט לעילוי נשמת די אומפאַרגעסליכע מרת הענדל מחלה פריעד ע"ה טאָכטער פונעם געטרייער עסקן לטובת מוסדותינו הרה"ח ר' יעקב צבי ניישטאדט הי"ו, און פילצאָליגע גוטע פריינד און בני משפּחה זענען ערוואַרטעט לכבודה. אויך זענען ערוואַרטעט פילצאָליגע באַטייליגטע לכבוד'ן באַעהרונג פון די חשוב'ע עסקניות, אשת הרה"ח ר' אברהם יעקב לעווי הי"ו, אשת הרה"ח ר' יואל קויפמאַן הי"ו משמש, און אשת האברך החשוב ר' יואל בראַ"י שפּיטצער הי"ו.

בעיקר זענען די פילצאָליגע נשים צדקניות ערוואַרטעט טראָץ די אנגעשטרענגטע פאַר-יום טוב צייט, צו קומען זיכער מאַכן אַז די הנהלה האָט די מעגליכקייט צו שאַפן די פאַנטאַסטישע סכומים וואָס פעלט זיך אויס כדי צו שיקן אַצינד כדי צו קענען אויסצאָלן פאַר די כלי קודש אין צייט פאַר די ימים טובים הבעל"ט.

## קרית יואל'ער פרחי עסקנים מחוזק

אַריבער 120 פּרחי העסקנים אין קרית יואל, זענען פאַרגאַנגענעם מוצש"ק פּרשת כי תצא שטאַרק מחוזק געוואָרן אָנצוהאַלטן זייער עבודת הקודש, מזכה צו זיין די שכנים מיט דעם אור-אַלטן מנהג פון שטיצן "צדקת רבי מאיר בעל הנס" פאַר ליכט צינדן, דורכ'ן אַרומגיין יעדן ערב שבת ויו"ט מיט א "ייטב לב בייטל", ביים מיטהאַלטן דעם מעמד "הכרת הטוב" וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א גלייך נאָך שלש סעודות.

דער חשוב'ער מלמד מומחה הרה"ח ר' הערשל קאָהן שליט"א האָט מיט קורצע ווערטער אַרויסגעברענגט דעם באַדייט פון די פּרחי העסקנים, און וויפיל מ'האָט שוין באַוויזן צו שאַפן דורכאויס די צייט. דאַן האָבן די קינדער געהאַט די זכי' צו הערן די וואַרימע דברות קודש פון מרן רבינו שליט"א, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט דאָס חשיבות פון גיין נאָך געלט בכלל, ובפרט אום חודש אלול, און באַזונדער פאַר אַזאַ הייליגע צוועק ווי "מוסדות יטב לב" וואָס דער זכות וועט זיי זיכער ביישטיין בימי הדין.

דאַן זענען די קינדער אַריבער מקבל זיין ברכת הקודש, און האָבן באַקומען געבענטשטע מטבעות פון רבי'ן שליט"א, וואָס האָט זיי געגעבן הויפענס מיט חיזוק אָנצוהאַלטן ווייטער.

## הצלחה'דיגע פּאַרטי אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָנסי

די סגולה און זכות פון שטיצן מוסדות יטב לב ווערט אַלץ מער און מער באַקאַנט, און שטייענדיג פאַר די ימים נוראים האָבן א גרופּע נשים צדקניות אין מאָנסי באַשלאָסן קעגנצוקומען די הנהלת המוסדות אין דעם שווערן מצב אין וועלכן מ'געפונט זיך ליידער, אונטערנעמענדיג זיך אויף דער אייגענער איניציאַטיוו דורכצופירן די ערשטע "ייטב לב פּאַרטי" אין מאָנסי, וועלכע האָט ב"ה אָפּגעצייכנט א קאָלאָסאַלע סוקסעס.

די פּאַרטי איז אַראַנדזשירט געוואָרן דורך עטליכע געטרייע עסקניות אין שפּיץ פון די חשוב'ע מרת שמידמאן תחי' אשת הרב יוסף מאיר שליט"א, אין די חשוב'ע מרת זאפיר תחי' אשת מוה"ר אייזיק הי"ו וועלכע זענען אַריינגעשפּרונגען אין די אַרבעט אַהערצושטעלן די הצלחה'דיגע פּאַרטי. צוזאַמען מיט זיי האָבן צוגעהאָלפן די חשוב'ע אייניקלעך און בני משפּחה פון הרה"ח ר' פישל פריעדמאַן ז"ל לע"נ וועמען די פּאַרטי איז געווען געווידמעט. די אייניקלעך זענען געגאַנגען בדרכי אבות צוהעלפנדיג פאַר די פּאַרטי לע"נ זייער אומפאַרגעסליכער זיידע וואָס האָט אַזויפיל יאָרן געדינט אַלס גבאי קודש פון אונזערע הייליגע מוסדות.

# ומציון יסעדך

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות

## אַרויס פון יאַפּאַן נאָך פייערדיגע ריקודין אין מירון

אידן איבער די וועלט האָבן פאַרגאַנגענעם דינסטאָג פרשת כי תצא לייכטער אָפּגעאָטעמט הערנדיג די איבערראַשענדע פרייענדע בשורה, אַז הב' יואל זאב גאָלדשטיין נ"י איז ב"ה בשלום אָנגעקומען קיין ארה"ק וואו ער האָט זיך פאַראייניגט מיט זיינע עלטערן און חברים פון וועמען ער איז לייד‌ער געווען אָפּגעריסן די לעצטע דריי-און-א-האַלב יאָר, שמאכטענדיג אין די יאפּענעזער טורמעס.

בעת די רעדער פונעם עראָפּלאַן האָבן גע'רעש'ט ביים אָנקומען קיין ארץ ישראל, האָט אין די אויערן פון הונדערטער סאַטמאַרער חסידים געררוישט אין די אויערן דער אויסרוף "כי בשמחה תצאו" מיט שמחה קען מען אַרויסגיין פון סיי וואו אימער מען וואלט געוועגליך נישט געקענט אַרויסגיין, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אתרא קדישא מירון, האַרט פאַר'ן ענדיגן די פייערדיגע ריקודין וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן אינעם חצר פון די מערה, נאָך דעם התרוממות'דיגן שבת קודש וואָס איז דאָרט געפּראַוועט געוואָרן בראשות פונעם גרויסן גאַסט הגה"צ רב דקהלתינו הק' שליט"א פון וויליאַמסבורג.

דער "שבת אין מירון" וואָס ווערט יערליך געפּראַוועט דורך אנ"ש אין בני ברק א שבת פאַר סליחות, איז דאָס יאָר פאָרגערוקט געוואָרן אויפ'ן שבת לפני הילולת מרן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע, נאָכדעם וואָס הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א האָט דאָס יאָר איינגעלאַדענט דעם גרויסן גאַסט גיסו הגה"צ הרב שליט"א, צו פּראַווען דעם שבת בשבת אחים גם יחד נאָנט צום מקום הקודש מקום מנוחת התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי זי"ע.

פרייטאָג מיטאָג האָבן נאָנט צו צוואָנציג אויטאָ-באָסעס זיך געשלענגעלט פון שיכון קרית יואל אין בני ברק, אויפ'ן וועג קיין צפון ארץ ישראל, ווען מיט עטליכע שטונדן שפּעטער האָט "מירון" באַקומען דעם אויסקוק ווי א "סאַטמאַרער שטעטל".

דער גאַנצער שבת איז געווען איין חטיבה פון העכערער התרוממות הנפש, וואָס איז אַריינגעפירט געוואָרן מיט די גאָר אינהאַלסרייכע דרשה וואָס דער ראש ישיבה שליט"א האָט משמיע געווען גלייך נאָך תפלת המנחה. דערויף איז מען אַרויף אין די מערה וואו מ'האָט געדאַוונט קבלת שבת, און נאָך בואי בשלום האָבן די זקני אנ"ש געטאַנצן אין א ריגג בר יוחאי, ווען די הונדערטער אנ"ש שטייען אַרום און טאַנצן אויפ'ן פּלאַץ, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ.

פון די שענסטע הויכפּונקטן במשך דעם שבת איז געווען די דרשה נפלאה וואָס דער רב שליט"א האָט איבער א שטונדע צייט משמיע געווען ביי די סעודה, געפלאָכטן דרוש, אגדה, מוסר און הדרכה וואָס דער ציבור האָט געשלונגן מיט דורשט. פאַר די דרשה האָט מען געהערט סיפּורים פונעם ייטב לב זי"ע, פאַרציילט דורכ'ן רב שליט"א און פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אינמיטן די סעודה האָט מען מיט כבוד מקבל פנים געווען דעם חשוב'ן גאַסט הגה"צ אבד"ק טענקא שליט"א, וועלכער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון זיין ווייַלן אין מירון, צו קומען מיטהאַלטן טייל פונעם שבת. דער טענקא רב שליט"א האָט משמיע געווען וואַרימע דברי ברכה, אַרויסברענגענדיג דאָס דביקות פון אביו כ"ק הגה"צ מטענקא זצ"ל צו רבוה"ק זי"ע, און די גרויסע הנאה וואָס ער האָט צו זען ווי הגה"צ אבד"ק סאַטמאַר-וויליאַמסבורג שליט"א איז ממשיך בדרכי אבות, זייענדיג באַרימט מיט זיין גרויסן כח השפּעה, ובפרט ווען ער קומט מיט'ן כח המשלח דער גרויסער מנהיג עדת ישורין מרן רבינו הגה"ק שליט"א וואָס טוט אויף אַזעלכע גרויסע זאַכן.

מיט'ן בענטשן איז מכובד געוואָרן דער חשוב'ער גאַסט הרב יוסף מייזליש שליט"א, און דערויף האָט די "באָטע" זיך נאָך פאַרצויגן ביז קרוב צו פיר אַזייגער פאַרטאָגס. פאַרטאָגס האָט מען אויסגעזאָגט תהלים אין די מערה, זייענדיג מתפלל מיט גרויס התעוררות א ספּעציעלע תפלה פאַר די תומכי החזקת מלמד.

די בייטאָג-סעודה - נאָך א צייט אָפּשניט פון פיר-א-האַלב-שטונדן וואָס דאָס דאַווענען האָט זיך פאַרצויגן, מיט ספּעציעלע מי שברך'ס ביים ליינען פאַר די נדבני השבת, איז ווייטער געווען מיט'ן זעלבן התרוממות ווי נעכטן אויפדערנאַכט, ווען א קורצע צייט נאָכן ענדיגן האָט מען זיך שוין געגרייט צום קלימאַקס, דער געהויבענער "שלש סעודות" ביי וועלכן דער רב שליט"א האָט לאַנג מאריך געווען מיט פייערדיגע דברי התעוררות בקול בכי.

פון די שענסטע מאָמענטן אינעם שבת, איז בלי ספק געווען די התלהבות'דיגע טענץ אום מוצש"ק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך עטליכע חאַלאַקעס פון טייערע תשב"ר תלמידי מוסדותינו הק'. נאָך בערך אַנדערהאַלבן שעה טאַנצן, האָט דער חשוב'ער מנה"ר הר"ר יקותיאל יצחק בראַך שליט"א אויסגערופן "כי בשמחה תצאו" און אַצינד ווען דער טייערער תלמיד יואל זאב נ"י וואַרט מיט אַנגסט אויף זיין גורל אין יאַפּאַן, לאָמיר כאַפּן א פרישע רקידה אַז ער זאָל שוין בקרוב קענען פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

*

גלייך נאָך די ריקודין זענען די 20 באָסעס שוין געשטאַנען גרייט אהיימצופירן דעם ציבור, ווען מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען שוין ב"ה געהערט די בשורה אַז יואל זאב נ"י איז ב"ה אָנגעקומען אַהיים.

## המשך... דעם רבי'נס חשבון הנפש

לאָזן א טרער נאָך זיי. יטב לב האָט דאָס יאָר פאַרלוירן אַזאַ נאָנטן ידיד ווי הרה"צ רבי אשר ישעי' כהנא זצ"ל האדמו"ר מספינקא-קרית יואל, וועלכער איז געווען א מוסטער פון א גבאי קודש. מיט זיינע שוואַכע ווייעדיגע פיס איז ער אַרומגעגאַנגען מיט'ן פושקע-זעקל פון אונזערע מוסדות, צו שאַפן געלט פאַר צדקת רבי מאיר בעל הנס, זייענדיג ממשיך במסורת אבות פון זיינע הייליגע זיידעס מוסדי דור ודור זי"ע וואָס זענען געווען אַזוי דבוק צו די הייליגע צדקה.

יטב לב האָט דאָס יאָר צווישן אַנדערע פילע וואוילטעטיגע מוסדות התורה והחסד באַוויינט די פטירה פון אַזאַ איבערגעגעבענער עסקן בלב שלם וואָס ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, דער אומפאַרגעסליכער איש החסד והמעש מוה"ר דוד לייב גרינפעלד ז"ל וואָס סיי ווען אימער עס איז געקומען צו "יטב לב" איז ער געשטאַנען גרייט אַרויסצוהעלפן, אָפּגעזען ווי שפּעט אין די נאַכט עס איז געווען, און אפילו מיט זיינע - ליידער - גאָר שוואַכע כוחות אין די לעצטע צייטן.

דאָס מעסטל האָט זיך נאָכנישט איבערגעפילט ווען האַלטענדיג אינמיטן שרייבן די שורות, באַוויינט מען ליידער די פרישסטע אבידה, די פטירה פון החסיד הישיש ר' אפרים פישל פריעדמאַן ז"ל מותיקי זקני אנ"ש. ר' פישל ז"ל איז געווען א מוסטער פון א חסידישער איד, א איד וואָס מבואו ועד צאתו פון גלייכן נאָכן קריג, ביז נאָנט צו זיין פטירה איז ער געווען דבוק אין אונזערע הייליגע מוסדות במסירות נאמנה.

אָנקומענדיג קיין ארץ ישראל נאָכן גרויסן חורבן, (אגב, איז ער אָנגעקומען טאַקע אינעם זעלבן טאָג ווען מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט פאַרלאָזט ארץ ישראל אויפ'ן וועג קיין ניו יאָרק צו שאַפן געלט פאַר מוסדות יטב לב) איז ער גלייך געוואָרן א תלמיד אין מוסדות יטב לב, און זיין חתונה מיט תלחט"א זיין חשוב'ע פרוי ב"ק תחי' איז געווען די "ערשטע" חתונה פון א "יטב לב תלמיד". ער איז שוין זינט דאַן פאַרבליבן א טרייער עסקן, און נאָך בשנת תשי"ב איז ער אויסגערעכנט צווישן די עסקנים פונעם ועד קרן הבנין לטובת דעם נייעם בנין פון מוסדותינו הק'.

שפּעטער ווען ער איז געקומען קיין ניו יאָרק איז ער ווייטער געווען אַזוי מקושר צו אונזערע מוסדות, ווען ער איז כסדר געגאַנגען מיט די יטב לב פושקע, גע'עסק'נט ביי די דינערס, און געטון וואָס נאָר מעגליך להחזקת מוסדותינו הק'. באזונדערס איז ער געווען דער געטרייער "יטב לב גבאי" אינעם ביהמ"ד בבית מרן רביה"ק זי"ע אויף 500 בעדפאָרד עוו. וואו ער האָט כסדר געשאַפן אַזעלכע גרויסע סכומים.

דאָס פּלאַץ אין דעם מאמר איז צו באַגרעניצט גענוג אַרויסצוברענגען וויפיל עס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַזאַ איד ווי ר' פישל ז"ל און איבער די אַנדערע עסקנים וואָס מ'האָמיר ליידער פאַרלוירן דאָס יאָר. וואָס עס איז זיכער, אַז זייערע פעולות דאַרפן זיין א וועג-ווייזער פאַר אונז אַלע. אָט די אידן האָבן בחיים חיותם געהאַט דעם ריכטיגן דעת, און עס איז זיכער אַז בגן עדן העליון געניסן זיי שוין די פירות פון זייער האָראָוואַניע. און אַז מיר וועלן נאָכגיין זייערע פיסטריט, וועלן מיר אויף דעם עולם געניסן פון כל מיני השפעות טובות בזכות אלקא דמאיר ענני, און מיר וועלן אַלע אָנגעשריבן ווערן צו א כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה.

# בדידי הוה עובדא

בריוו פון ליינער

## ״יטב לב לולב״ אויף סוכות...

לכבוד מוסדות יטב לב בארה״ק

אַסאַך אַסאַך אידן, ובפרט אנ״ש תלמידי וחסידי סאַטמאַר אין ניו יאָרק, וועלן אי״ה קומענדיגן חג הסוכות מקיים זיין די מצוה פון ד׳ מינים מיט א ״יטב לב לולב״... אַנדערש האָב איך נישט די ווערטער מיט וואָס דאָס אָנצורופן.

ווי באַקאַנט, איז שוין עטליכע יאָר צייט וואָס מיר פראָבירן מזכה צו זיין דעם ציבור אין ניו יאָרק, מיט ערליכע ד׳ מינים וואָס קומט נישט פון ארץ ישראל. ווי עס פאַרשטייט זיך, איז דער עיקר סעזאָן טאַקע דורכאויס די עשרת ימי תשובה און די טעג דערנאָך, ווען מ׳פאַרקויפט די ד׳ מינים, אָבער כמובן הייבט זיך די אַרבעט נישט דעמאָלט אָן. נאָך פיל פריער, טיף אינמיטן זומער, און אפילו נאָך פריער. אינמיטן די ווינטער חדשים, ווען מ׳האָט נאָך קוים אויפגעגעסן די ״אתרוג״ אום חמשה עשר בשבט, זענען מיר שוין פאַרנומען מיט׳ן די סחורה פון קומענדיגן יאָר, פלאַנצן, שניידן, סטארעדזשן וכדומה.

פאַרגאַנגענעם ווינטער האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען לולבים ביימער וואָס וואַקסן אין אַריזאָנא, און עס איינפלאַנצן אין קאלאפארניע, וואָס דאָרט איז דער קלימאַט פיל בעסער, און עס קען דאָרט אַרויסקומען פיל שענערע לולבים פאַר אידן מדקדקים יראים ושלמים.

מיר האָבן שוין אַלעס געהאַט גרייט. די ביימער אויף דעם אָרט פון וואו מיר נעמען דאָס, האָט שוין געהאַט געוואַקסן. א געוויסע פירמע וואָס ספעציעליזירט זיך אין דעם הינזיכט האָט אויסגעריסן די ביימער מיט׳ן שורש, און זיי האָבן עס שפעטער געדאַרפט פירן קיין קאלאפארניע, עס דאָרט איבערצופלאַנצן.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס גייט נישט אַזוי פשוט. מ׳מוז דערצו האָבן א ספעציעלע ערלויבעניש פון די אגריקאלטשער דעפארמענט, ובפרט פון די ״יו עס די עי״ זיכער צו מאַכן אַז די ביימער און פרוכטן דערויף זענען אין א גוטן קאָנדישאָן. די יו עס די עי איז ווי באַקאַנט זייער שטרענג אין אַלע הינזיכטן, ובפרט ווען עס איז די רעדע פון אַריבערפירן ביימער פון איין פלאַץ צו די אַנדערע, געבן זיי ספעציעל אַכטונג, אַז מיט די ביימער זאָלן נישט מיטקומען פאַרשידענע אינזעקטן אָדער אַנדערע זאַכן מיט וואָס די ביימער קענען זיין אָנגעשטעקט.

עס גייט דעריבער אַזוי דער סדר, אַז ביים אויסרייסן די ביימער, דאַרף זיך דאָרט געפונען א ״ספרעיאר״ איינער וואָס ספעציעליזירט זיך מיט׳ן אנשפריצן די ביימער אַז עס זאָל זיין ריין פון אינזעקטן וכדומה, און בעיקר זאָל דאָרט שטיין גרייט א ״אינספעקטאָר״ וואָס זאָל באַשטעטיגן אַז דער ספרעיאר האָט געטון זיין אַרבעט בשלימות, וואָס נאָר אַזוי באַקומט מען ערלויבעניש אַריבערצופירן און איינצופלאַנצן די ביימער ערגעץ אַנדערש-וואו.

אויפ׳ן טאָג וואָס מיר האָבן אויסגעריסן די ״לולבים ביימער״ אין אַריזאָנא, האָבן מיר אַלעס באַשטעלט. דעם ספרעיאר מיט אַן אינספעקטאָר, און מיר האָבן געהאָפט אַז אַלעס וועט דורכגיין בשלום. מה עשה הקב״ה, יענעם אינדערפרי איז דער ספרעיאר אָנגעקומען, אָבער דער אינספעקטאָר נישט... אָן קיין אריכות, האָט דער אינספעקטאָר אונז קאלטערהייט געזאָגט אַז ער קומט נישט היינט. פאַרוואָס? אַזוי איז די מעשה. ס׳איז נישט דאָ וואָס צו טון. ער קומט נישט.

זאָגט אונז דער ספרעיאר, אַז אויב קומט נישט דער אינספעקטאָר האָט ער ניטאַמאָל פאַרוואָס אנצושפריצן די ביימער, ווייל קיינער וועט אים סייווי נישט גלייבן אַז ער האָט דאָס געטון. איך בין געבליבן ממש פאַרלוירן! די ביימער זענען שוין אויסגעריסן. כדי עס זאָל נאָך שפעטער אַרויסגעבן גוטע פראָדוקטן דאַרף מען דאָס נאָך ״יענעם טאָג״ עס צוריק איינפלאַנצן אין דער ערד, און דאָ האָט דער אינספעקטאָר מיך אַזוי מיאוס אויסגעשפילט, אַזוי אַז איך קען דאָס נישט באַשפריצן אויך נישט.

איך בין געווען אובד עצות, און זייענדיג געאיילט און אָנגעצויגן איז ״בא לכלל טעות״. כ׳האָב געמאַכט דעם גרויסן טעות ווען איך האָב באַשלאָסן אויסצושפילן דעם סיסטעם... כ׳האָב גענומען די ביימער כמות שהם, און אָן קיינעמס פרעגן און אָן קיין באפשריצן האָב איך עס אַריבערגעפירט און איינגעפלאַנצט אויף דעם אַנדערן אָרט וואו כ׳האָב עס געפלאַנט איינצופלאַנצן.

דאָס הארץ האָט מיר גוט געקלאַפט נישט וואוסענדיג וואָס דער מאָרגן וועט ברענגן. ווער עס קען די סאָרט זאַכן ווייסט אַז די רעגירונג, ובפרט די באַאַמטע פון די יו עס די עי זענען זייער שטרענג. אויב ווערן זיי געוואויר פון די מינדעסטע פאַרלעצונג, קען מען יענעם דערגיין די יאָרן עד חרמה ועד בכלל. אָפגערעדט אַז די ביימער זעלבסט וועלן אויסגעריסן ווערן עד השורש, אָבער אויב נעמען זיי זיך צו איינעמס ביינער, קען די גאַנצע ביזנעס גיין שלאָפן, ווי עס האָט שוין נישט איינמאָל פאַסירט. אַזוי אַז כ׳האָב געהאַט אויף וואָס צו זאָרגן, און ווען דער מאָרגן איז צומאָרגענס אָנגעקומען... האָב איך געזען אַז כ׳האָב מיך גאָרנישט טועה געווען...

דער הויפט אינספעקטאָר פון קאלאפארניע, דאָרט וואו איך האָב איבערגעפלאַנצט די ביימער, רופט מיך אָן. כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען וואָס ער וויל. און מיין שרעק איז געווען גרעסער. אַזויפיל האָב איך שוין געדענקט פון די פילע ״בדידי׳ס״ אַז צדקה פאַר ״מוסדות יטב לב״ העלפט אויף ״אַלעם״. האָב איך קודם צוגעזאָגט א געוויסע סכום געלט פאַר מוסדות יטב לב. דאַן האָב איך אויפגעהויבן דעם טעלפאָן וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קלונגן. דער באַאַמטער זאָגט מיר קלאָר און דייטלעך, אַז ער וויל קומען אינספעקטן די ביימער, צו זען אויב עס איז געהעריג באַשפריצט געוואָרן לויט די פאָרשריפטן.

איך בין געוואָרן נאָך מער פאַרלוירן, און כ׳האָב גערופן א גוטן ידיד פרעגן וואָס איך געב מיך אַן עצה. איך פארצייל אים אַז כ׳האָב צוגעזאָגט א סכום געלט פאַר יטב לב. שרייט יענער אַריין ״וואָס? אַזוי ווייניג? פאַר יטב לב? פאַר אַזאַ קאָמפליצירט ענין איז דער סכום צו ווייניג״. אויף זיין ראַט האָב איך אויפ׳ן אָרט צוגעזאָגט גאָר א גרויסן סכום, און כ׳האָב געהאָפט אויפ׳ן בעסטן.

עס גייט נישט דורך קיין לאַנגע צייט, און א שכן אופ׳ן נייעם פעלד רופט מיך אַן דערציילן אַז אינספעקטאָרס דרייען זיך אַרום און זוכן מיין פעלד. מיר איז גוט געוואָרן. אָבער ביז כ׳האָב געטראַכט וואָס איך גיי רעדן צו זיי, האָט שוין דער אויבערשטער געהאָלפן. עס האָט זיך פלוצים אַראָפּגעלאָזט א שטורעם ווינט, און זיי האָבן פון זיך אַליינס אַריינגעזעצט אין די קאַר, גרייט אוועקצופארן פון דאָרט.

איך בין אָבער צוגעגאַנגען צום אינספעקטאָר, און איך האָב פּראָבירט מיין מזל. איך הייב אים אָן צו דערציילן די גאַנצע מעשה. איך זאָג אים אַז ער קען זיך דאָס איבערצייגן ווי איך בין געווען פולקאָם גרייט, און וואָס האָב איך געקענט טון אַז דער ערשטער אינספעקטאָר האָט מיך אויסגעשפיעלט? כ׳האָב דאָך נישט געקענט לאָזן קאַליע גיין אַלע מיינע ביימער?

אַז דער אינספעקטאָר האָט זיך שוין דערוואוסט דעם אמת, אַז די ביימער זענען איינגעפלאנצן געוואָרן אָן דעם וואָס מ׳האָט עס בכלל באַשפריצט, בין איך שוין געווען זיכער אַז ביז עטליכע שעה זענען די ביימער שוין צוריק אַראָפּ, אָבער צו מיין וואונדער זאָגט ער מיר ״מיך אינטערעסירט גאָרנישט. מאָרגן קום איך צוריק, וויל איך זען באשפריצטע ביימער.״

עפּעס שוין בעסער. אָבער איך טענה מיט אים, ווי קען איך איצט שאַפן א ספרעיאר דאָ אין די געגענט? זאָגט ער מיר נאָכאַמאָל. קודם מוזן די ביימער זיין באַשפּריצט און נאָכדעם וועלן מיר זען ווייטער. אַזויפיל האָט ער מיר א טובה געטון, אַז ער האָט מיר געזאָגט דעם נאָמען פונעם ״אינזעקט״ וועלכע דאַרף בעיקר אויסגעראַטעט ווערן ביים באַשפּריצן די ביימער, כדי איך זאָל אַליינס קענען שאַפן די סאָרט ספּרעי וואָס מ׳דאַרף דערצו האָבן. כ׳האָב נישט פאַרלוירן קיין צייט, און זעענדיג אַז קיין אָפיציעלן ספרעיאר קען איך נישט באַקומען, האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן וואו מ׳קען באַקומען די סאָרט ספּרעי. פאַרשטייט זיך אַז אין קיין געווענליכן געשעפט קען מען אַזעלכע זאַכן נישט באַקומען, אָבער - כדי צו מאַכן די מעשה קורצער - האָב איך צום סוף געטראָפן עפּעס אַן ענליכע ספּרעי, און כ׳האָב גוט באַשפּריצט אַלע מיינע ביימער.

צומאָרגענס איז דער אינספעקטאָר צוריקגעקומען. ער האָט עס אונטערזוכט, און ער איז געווען צופרידן. קודם איז שוין גוט. די ביימער קענען בלייבן. אָבער איך בין פאָרט געווען גערישט צו באַקומען א גרויסן שטראָף פאַר׳ן אויסשפּילן דעם סיסטעם. פרעג איך אים וויפיל עס איז דער שטראָף? צו מיין וואונדער זאָגט ער מיר ״נאטינג״. גאָרנישט!!!

בשעת׳ן שרייבן גלייב איך עס נאָך אַלץ נישט. ניטאַמאָל קיין אינספּעקשאַן געלט, וויפיל עס קאָסט געווענליך אונטערצוזוכן די ביימער, ניטאַמאָל דאָס האָט ער געבעטן! אַלעס אין זכות פון מוסדות יטב לב!

ב״ה דער שניט איז געלונגען אויסערגעווענליך, און מאַסן אידן וועלן אי״ה קומענדיגן סוכות מקיים זיין די מצוה פון ד׳ מינים מיט א ״יטב לב לולב...״

יש״כ ותזכו למצוות.

**ידידכם - ש. מ. ע. - קרית יואל**